**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט כמעט 8,000 פובליק זיכערהייט פראפעסיאנאלן אין און אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט האבן פארענדיגט טרעינירונג ביי די סטעיט גרייטקייט טרעינירונג צענטער אין 2023**

***דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו גאנץ-יאריגע טרעינירונג פאר די סטעיט'ס פובליק זיכערהייט אגענטורן און איינגעשטעלטע צו אדרעסירן יעצטיגע און ניי-אויפשטייגנדע דראאונגען***

***676 פובליק זיכערהייט בעאמטע האבן פארענדיגט פילאלאזע פלוגצייג סיסטעמען טרענירונג***

***176 ערשטע הילף מאנשאפטן האבן פארענדיגט שנעל-פליסנדע וואסער/פארפלייצונג רעטונג טרענירונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער אין אריסקעני האט טרענירט כמעט 8,000 לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע פובליק זיכערהייט פראפעסיאנאלן פון א רייע פעלדער און אגענטורן, אריינרעכענענדיג געזעץ אינפארסירונג, די פייער סערוויס און עמערדזשענסי פארוואלטונג, פון אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט און ווייטער אין 2023. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES), האט די צענטער געאפפערט לעצטע יאר טרענירונגען וועלכע האבן געהאלפן צוגרייטן די פראפעסיאנאלן צו אדרעסירן יעצטיגע און ניי-אויפשטייגנדע סכנות, צו דורכפירן וואסער רעטונגען אין פארשידענע אומשטענדן און צו פארמערן די באקאנטשאפט אין אלע געביטן פון עמערדזשענסי אפרופונג. צוםביישפיל, 676 פובליק זיכערהייט פראפעסיאנאלן האבן זיך געלערנט וויאזוי צו אריינבויען פילאטלאזע פלוגצייג סיסטעמען אין זייערע פובליק זיכערהייט מיסיעס, און 176 ערשטע הילף מאנשאפטן האבן פארענדיגט וואסער רעטונג קורסעס ביי די צענטער'ס שנעל-פליסנדע וואסער/פארפלייצונג רעטונג איינריכטונג כדי זיי צו ערמעגליכן זיך אפצורופן צו פארפלייצונג און וואסער עמערדזשענסיס אריבער די סטעיט.

"פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און דאס רעכנט אריין האבן די בעסט-טרענירטע ערשטע הילף מאנשאפטן אין דאס לאנד צו האלטן ניו יארקער זיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פאר 17 יאר האט די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער דורכגעפירט די פארגעשריטענסטע, מאדערנע טרענירונג צו ערשטע הילף מאנשאפטן צו זיכער מאכן אז זיי קענען זיך עפעקטיווערהייט אפרופן צו סיי וועלכע מצב צו באשיצן די פובליקום. אין לויף פון די יארן, האט די צענטער אויסגעברייטערט די קלאסן און איינריכטונגען וואס עס אפפערט כדי צו צוציהען א ברייטערע קונדשאפט פון פובליק זיכערהייט פראפעסיאנאלן פון אריבער ניו יארק סטעיט."

די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער (State Preparedness Training Center, SPTC) אפפערט פאר סטעיט, לאקאלע און פעדעראלע אגענטורן א ברייטע רייע פון טרענירונג איינריכטונגען און פארמאטן. די איינריכטונג אפפערט א פולע ספעקטרום פון לעבעדיגע טרענירונג געלעגנהייטן, אנגעהויבן פון לעקציעס אינעם קלאסצימער און שמועסן ביז אויסגעשפילטע מצבים און פיזישע איבונגען. די SPTC אפפערט פאר אגענטורן א פלאץ וואו צו קענען דורכפירן רעאליסטישע טרענירונגען, צום ביישפיל מיט א נאכגעמאכטע שטאט, א שנעל-פלוסנדע וואסער/פארפלייצונג רעטונג איינריכטונג, בעטאן פון א צוזאמגעפאלענע געביידע, סטרוקטורן וואס מאכן נאך א וואלד, באן וואגאנען און נאך סארטן נאכגעמאכטע מצבים. זייענדיג יעצט אין די 17'טע יאר פון אפעראציע, טרענירט די איינריכטונג יערליך טויזנטער פון ניו יארק'ס פובליק זיכערהייט שותפים – אריינרעכענענדיג צווישן אנדערע, געזעץ אינפארסירונג, פייער סערוויסעס, עמערדזשענסי מעדיצינישע סערוויסעס און עמערדזשענסי פארוואלטונג מאנשאפט מיטגלידער – אין א רייע פעלדער, אריינרעכענענדיג זיך צו אפרופן צו אקטיווע שיסערייען, קריזיס פארהאנדלונגען און אפעראציע פון פילאטלאזע פלוגצייג סיסטעמען (unmanned aircraft systems, UAS).

זינט די צענטער האט זיך געעפנט אין 2006 האט ניו יארק סטעיט שוין אינוועסטירט מער פון 40 מיליאן דאלאר צו אויפבויען אן ערשט-קלאסיגע איינריכטונג צו טרענירן פובליק זיכערהייט בעאמטע. כאטש דאס טרענירן ניו יארק'ס פובליק זיכערהייט קאמיוניטי איז די צענטער'ס הויפט פריאריטעט, האבן ערשטע הילף מאנשאפטן פון אריבער די גאנצע פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע און אנדערע לענדער זיך אויך טרענירט אין אריסקעני.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט האלט אויף איינס פון די מערסט פראמינענטע ערשטע הילף טרענירונג צענטערן אין די וועלט. מאנשאפט מיטגלידער און בעאמטע וועלכע באקומען טרענירונג ביי די זענען דאס בעסטע גרעישט זיך אפצורופן ווי עס דארף צו זיין ווען קאמפליצירטע עמערדזשענסיס קומען אן. איך קוק ארויס, צוזאמען מיט די DHSES מאנשאפט, צו ענטפאנגען נאך אפילו מער ערשטע הילף מאנשאפטן, עמערדזשענסי אפרופונג און פובליק זיכערהייט מאנשאפטן אריבער די סטעיט צו די אויסגעצייכנטע טרענירונג פלאץ אין 2024.

אין צוגאב צום אפהאלטן מערערע קלאסן דורכאויס 2023, האט די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער אויך אפגעהאלטן עטליכע גרויסארטיגע טרענירונג געשעענישן, אריינרעכענענדיג:

- פאליציי הונט וואך: מער פון 50 אויפרייס מאטעריאל שמעק הונט מאנשאפטן פון אריבער די סטעיט האבן אנטיילגענומען אין אן אויסגעשפילטע איבונג און אין א סעריע פון שווערע סקילס ליניעס. זעהט הויכפונקטן פון פאליציי הונט וואך דא.
- טאקטישע וואך: צוויי און פערציג מאנשאפט אפעראטארן פון אריבער די סטעיט האבן זיך באטייליגט אין פארגעשריטענע נאכגעמאכטע מצבים צו אויספרובירן זייערע מעגליכקייטן. די סירעקיוס פאליציי דעפארטמענט SWAT מאנשאפט האט זיך פארדינט די 'בעסטע מאנשאפט' אויסצייכענונג דאס יאר. זעהט הויכפונקטן דא.
- פובליק זיכערהייט פילאטלאזע פלוגצייג סיסטעמען פארזאמלונג: מער פון 350 לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע קערפערשאפטן וועלכע האבן צוטוהן מיט UAS האבן זיך באטייליגט ביי די פארזאמלונג צו לערנען וויאזוי צו אריינבויען די טעכנאלאגיע אין זייערע פובליק זיכערהייט מיסיעס.
- טעכנישע רעטונג קאנפערענץ: כמעט 100 ערשטע הילף מאנשאפטן האבן זיך באטייליגט ביי די קאנפערענץ צו דורכפירן רעטונג טרענירונג מיט שטריק, וואסער, צוזאמגעפאלענע סטרוקטורן, קארן און UAS.

- פאראייניגטע שטאטן באמבע איינהייט פארבאנד טרענירונג טעכנאלאגיע איבונג: כמעט 150 באמבע טעכניקער און מיליטערישע אויפרייס געווער עקספערטן פון אריבער דאס לאנד האבן זיך באטייליגט אין די איבונג צו לערנען איבער הייניטיגע און ניי-ארויסשטייגנדע טעכנאלאגיעס צו נייטראליזירן באמבעס.
- 'עקסעלסיאָר טשעלענדזש': הונדערט און פופציג גמזעץ אינפארסירונג בעאמטע, אריינרעכענענדיג באמבע טעכניקער, אויפרייס מאטעריאל שמעק הונט מאנשאפטן און טאקטישע מאנשאפט אפעראטארן האבן זיך באטייליגט אין אויסגעשפילטע טרענירונגען באזירט אויף יעצטיגע דראאונגען. געזעץ אינפארסירונג בעאמטע פון מער פון 50 אנדערע אגענטורן האבן זיך באטייליגט אין טרענירונג, מאכנדיג די 2023 עקסעלסיאָר טשעלענדזש פאר די גרעסטע איבונג אין איר היסטאריע.

אין 2024 וועט די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער פארזעצן צו פארברייטערן די סארטן טרענירונג וואס ווערט צוגעשטעלט אין אריסקעני און אזוי אויך די פארשידענע פארמישטע גרופעס וועלכע זענען פארמישט מיט די באמיאונגען צו פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט איז גרייט צו אדרעסירן די אנטוויקלנדע רייע פון סכנות וועלכע לאקערן אויף איר. קומענדיגע יאר וועט די צענטער אפהאלטן די 'רויב פייגל טשעלענדזש' (Raven’s Challenge) באמבע איינהייט איבונג פאר די פינפטע מאל. די אנגעזעהענע געשעעניש, וואס ווערט אפגעהאלטן אין בלויז פיר לאקאציע אריבער דאס לאנד יעדעס יאר, וועט צוזאמברענגען אומגעפער 200 לאקאלע, סטעיט, פעדעראלע און אינטערנאציאנאלע באמבע טעכניקער צוזאמען פאר א וואך פון אויסגעשפילטע טרענירונגען.

אין צוגאב צו גרויסע געשעענישן וועט די צענטער אפהאלטן א ברייטע רייע פון קלאסן פאר פובליק זיכערהייט בעאמטע. באזוכט די צענטער'ס טרענירונג לוח פאר מער אינפארמאציע און א ליסטע פון בעפארשטייענדע קלאסן.

**איבער די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער**
ניו יארק סטעיט איז די היים פאר איינע פון די הויפט ערשטע הילף טרענירונג איינריכטונגען אין די לאנד — די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער (State Preparedness Training Center, SPTC) אין אריסקעני. פלאצירט אויף 1,100 אקער לאנד, שטעלט די SPTC צו א ברייטע סעריע פון רעאליסטישע טרענירונג זאלן, א געשווינדע וואסער און פארפלייצונג טרענירונג ( Swift Water and Flood Training, (SWFT) זאל, א 45,000 סקווער פיסיגע CityScape קאמפלעקס און א שטאטישע זוכעריי און רעטונג (Urban Search and Rescue, USAR) סימולאטאר. פון קלאסצימער שיעורים און דיסקוסיעס ביז סקיל אנטוויקלונג ליניעס פאר טרענירונג אין שווערע, רעאלישע אומשטענדן — אפפערט די SPTC פאר סטעיט, לאקאלע און פעדעראלע אגענטורן א ברייטע רייע פון געלעגנהייטן פאר דינאמישע עמערדזשענסי ערשטע הילף טרענירונג.

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די Facebook בלאט, פאַלאָוט Twitter @NYSDHSES אויף אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן